STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02914

BLETER IN VINT

Hanah Shteynberg

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בלעטער אין ווינט

לידער פון

חנה שטיינבערג

ארויסגעגעבן פון
דער דיכטערנס משפחה.

Copyright 1944
By JACOB STEINBERG
Montreal, Canada

חנה שטיינבערג 1896—1942

I

ווי בוים וואָס וואָרצלט צום נאָפּל פון ערד,
צינדט זי איר האַרץ אין די בלוטיקע פליגל פון האַרבסט
און גליט מיט צעוויכטענער וואונד,
מיט בלעטער צופּיבערט אין פלאַמיקן גאָלד
אַ באַרוישטע פון ליכט און פון ווינט.

און ס׳ציטערט איר פייער,
מיט קראַנקן צושויבערטן ליכט.

לידער לידער,
מיינע לידער;
כ׳וועל אייך נערן,
כ׳וועל אייך נערן,
מיט מיין בלוט,
מיט מיינע טרערן.

לידער לידער,
מיינע טרוימען;
מיינע טרוימען
בערג מיט שוימען.

פון מיין מיד
צופייניגט לעבן;
בערג מיט טרוימען,
בערג מיט שוימען.

ווייל מיין האַרץ איז קראַנק

פלאַטערט אויף מיין האַרץ אין פּיין,
שוימט מיין בלוט ווי ווילדער ווייך.

הער איך ווינטן ברומען —
ווילדער ים־געזאַנג;
הער איך כוואַליעס זשומען —
שוימיקער געטראַנק.

שטיי איך ווי פאַרלאָרן
עפּעס איז מיר באַנג —
עס וויל די וועלט ניט רוען
ווייל מיין האַרץ איז קראַנק.

הער איך וועלדער ברומען,
הער איך ווינטן וואויען
עס וויל דער ים ניט רוען
ווייל מיין האַרץ איז קראַנק.

קלאַנגען

מײַנע פֿינגער — דײַנע פֿידלען
אײביק דרימלען אין זײ קלאַנגען —
װי אין שטײַג אַ יונגער פֿויגל
ליגן זײ אין מיר געפֿאַנגען.

װי איך נעם דעם בויגן פֿירן
הױבן טענער אַן װיברירן —
שטײַגן אויף און פֿאַלן װידער
שטײַגן אויף און פֿאַלן נידער.

דו ציסט זיך צו מיר

דו ציסט זיך צו מיר,
ווי עס ציט זיך אַ בליץ צו דער ערד.
ביזט דער ערשטער, פאַרשיכורטער רעגן,
כ׳בין די יונגע, צואַקערטע ערד.

דיינע הענט, דיינע הענט, די געצונדענע,
ווי אין גליענדן מדבר דער ווינט.
ווי אַ פאַרחלשטער פויגל
פלאַטער איך קעגן דעם ווינט.

און אימיצער פרייט זיך אין מיר,
ווי עס פרייט זיך דער טאָג מיט זיין ליכט,
ווי די זון אַ געלייטערטע אין רויטן פאַרנאַכט
צינדט זיך אָן אין איר אייגענעם ליכט.

געדרוקט אין ליטעראַרישן חודש זשורנאַל
„מאָנטרעאל״, נאָוועמבער, 1933

ווי ים אין זיין רוישיקן גאַנג

און, ווי ים אין זיין רוישיקן גאַנג,
לעשט אין ברויז פון די כוואַליעס, זיין שטורמיקן אַנגסט.
אַזוי וועט זיך שטרעקן מיין האַלדז,
אין פיינליכן דורשט — צו דיין האַנט.
און דו וועסט מיך טרייסטן מיט ליכטיקע הענט,
כוועל הערן: עס פליסט דורך די פינגער געזאַנג.
ווי דער בליציקער גלי, אין צופינקלטן וויין,
וועט זינגן דיין ליבשאַפט.
(אַזוי איז דיין ליבשאַפט,
— דיין לויטערער וויין.)
און ווי אַ וואונדיקער בלאַט
וואָס בליט אין זיין בלוטיקן גאָלד,
וועט נאָך איינמאָל, אַ לויכט־טאָן
אַ רויש־טאָן מיין ליכט
און זיך בויגן אין גליאיקן דורשט, —
צו דיין קוואַל.

גערדרוקט אין זשורנאַל „העפטן״,
מאַי, 1936

ווי אַ רעגנבויגן

ווי אַ רעגנבויגן וועל איך זיך צו דיר בויגן,
ווי אַ צובליטער בוים נויגט די פולע צווייגן צו דער ערד,
וועט מיין קאָפּ צו דיר זיך נויגן;
דאָס הייסע ליכט פון דיינע אויגן טרינקן,
דיך אַרומנעמען מיט שטראַלנדיקע הענט;
דורך גלי פון דיין אָטעם זיך אויפלייזן,
ווערן — צושטויביקטער פונק,
זינגענדיקער פלאַם
— גרינג און דורכזיכטיק ווי טוי,
ווי דינער נעפל, וואָס שפרייט זיין אָטעם איבער טיפן טייך,
וואַנדערט איבער טאָל און באַרג
און ווערט פאַרשלונגען אינם בלויען ליכט פון נאַכט.

— — — — — — — — — —

ווערן איינס מיט דיר,
איין געשטאַלט,
איין בלויער, דינער לויכטנדיקער פלאַם,
זיך צינדן און פאַרלעשן אין דיין קוואַל . . .

כ׳בין ווי אַ בוים

כ׳בין ווי אַ בוים אין רייפן האַניק פון זיין בליען,
ווען ס׳קוועלט אין זיינע אָדערן
אַ פיינליך דורשט נאָך רעגן.

און אויסשטרעקן וועל איך צו דיר די הענט,
ווי בליענדיקע בויגעוודיקע צווייגן.

און מיינע אויגן — טיפע זינגענדיקע קוואַלן,
וועלן אָטעמען דיין ליכט.

און מיין קאָפּ געבויגענעם,
נידעריקער צו דיר נויגן.

ליכטיקער אומעט וועט שפּילן אין מיין געמיט,
גאָלדענער פייער וועט זינגען אין מיין בלוט
ווי עס זינגט אַ ווינט אין פעלד.

כ׳וועל אויפלויכטן — אַ ווייסער פלאַם,
מיט גליענדיקע טראָפּנס פרייד.

געטריי

געטריי וועט זיך טוקן מיין בליק
און שטרעקן מיין האַנט צו דיין האַנט.
נאָר ברוגז וועט הענגען דיין שאָטן
אַ שטייפער געשמידט צו דער וואַנט.

— — — — — — — — — —

ווען איך טרויעריק שליסן די אויגן.
וועל אין עלנדן אומעט זיך שליסן.
אויף מידע, פאַרלאָשענע ברעמען
וועט פיינליכער ווי זיך צוגיסן.

— — — — — — — — — —

און מיין ליבשאַפט צו דיר וועט זינגען —
דורך בלוטיקע וואונדן פאַרוואַנדט.
וועט די שטייפקייט פון שאָטן זיך ברעכן
און ערגעץ אַנטרינען ביים ראַנד.

געדרוקט אין ליטעראַרישן חודש זשורנאַל
„מאָנטרעאל", יאנואר 1934

ווי די קינדערלאַך אין גאַס

אין הונגער ווייַנט מייַן האַרץ צו דיר מייַן ליבער,
אין הונגער שלינגט מייַן בליק דייַן אינגליש קליינע האַנט.
אַט־איצטער־אַ,
דו זיצסט דאָך אַזוי נאָענט לעבן מיר,
און קיינער איז אין שטוב ניטאָ,
נאָר איך און דו.

די קינדערלאַך אין גאַס
שפּילן דאָרט זייערע אויפגעברויזטע פריידן;

לאָז מיך אויך אַזוי מייַן ליבער,
ווי די קינדערלאַך אין גאַס,
שפּילן זיך אין זוניק אויפגעברויזטער פרייד.

קומסטו מיר פֿאָר

גיי איך אַזוי
דורך דער נאַכט דער בלינדער,
קומסטו מיר פֿאַר
ווי אַ ליכטיקער וואונדער.

קומט מיר פֿאַר
ווי אַ זוניקער בויגן
וואָלט איבער מיר
זיינע שטראַלן פֿאַרצויגן.

קומט מיר פֿאַר
ווי אַ ליכטיקער ט[illegible]
האָט זיך צוויגט [illegible],
איבער אַן עלענדן בוים.

קומט מיר פֿאַר
ווי טויזנט געזאַנגען
וואָלטן מיין האַרץ
אין אַ טורים געפֿאַנגען.

שטילער

שטילער נאָר שטילער,
זאָל קיינער ניט הערן —
שטילער נאָר שטילער,
מיר האַלטן אין ווערן.

שטילער נאָר שטילער,
דו קומסט צו מיר ווידער.
מיר קלעטערן הויך
און אַט אין דער נידער.

שטילער נאָר שטילער,
כ׳קום אויך אַזאַ שטילע,
עס ברענט אין מיין האַרצן
אַ ליכטיקע תפילה —

שטילער נאָר שטילער,
הער זיך צו צו דער תפילה.

איך און דו

איך און דו
אין וואַלד אין שניי,
איך און דו
מיר זיינען צוויי,

דער שניי פּאַלט הויך
שיכט אויף שיכט,
די לבנה לויכט
מיט ווייסן ליכט.

איך און דו
מיר גייען מיד,
ווי צום אַלטאַר
מיט שטילע טריט.

איך און דו
אין שניי־געצאַם
פאַרויס אונז לויכט
אַ ווייסער פלאַם.

לבנה טרינקט
דעם ווייסן שניי,
איך און דו
מיר זיינען צוויי.

מיר זיינען צוויי
איך און דו,
און איבער אונז
אַ ווייסע רו.

איך בלי ווי אַ בלום

איך בלי ווי אַ בלום
און כ׳בלוטיק און ברען
אין מיין אייגענעם פלאַם,
מיט צוצונדעם שטאַם.

אַרויף צו דער זון,
ווי צופלאַקערטער מאַן,
פאַרשיכורט פון ליכט,
באַטרונקען מיט זון.

איך ברען ווי אַ בלום
אין בלוטיקן האַרבסט
און איך קוועל,
און איך שמאַכט,
און איך ווער שיעור פאַרדאַרבט.

און איך צי זיך צו דיר
און איך זוך דיך דורך מיר
און איך ריגל מיין טיר,
און איך קום ניט צו דיר,
און איך קום ניט צו דיר.

איך בלי ווי אַ בלום
און איך בלוטיק און ברען
און איך קוועל
און איך צאַנק
און איך וויים נאָר איין געדאַנק,
אַז ס׳דאַרף אַנדערש גאָר זיין,
אַז ס׳דאַרף אַנדערש גאָר זיין.

— — — — — — — —

און איך לעש זיך אין פיין,
און איך לעש זיך אין פיין.

און איך בין אַ כוואַליע

דו ביזט אַזאַ שטילער,
— אַן איידעלער טרוים
ביים זייט פון אַ וואַלד
אַן איינזאַמער בוים.

און איך בין אַ כוואַליע,
וואָס רייסט זיך פון צאַם,
און רוישט ביי די ברעגן
פון שטורמיקן ים.

אַט טו איך אַ צאַפּל
אַ שפּרונג פונם שטראַם,
און — רינגל אַרום דיך
און — אַט קוש איך דיין שטאַם.

איך טו אַזאַ ריס זיך —
אַ שטויס זיך צום ברעג,
שפּרייט זיך אויס אין אומרו
און פאַל אַפּ אין שרעק.

טענער

דו ביזט דער פידל,
און איך בין דער בויגן;
האָב איך אַ געזאַנג
אויף די סטרונעס פאַרצויגן.

בליצן די טענער,
ווי גאָלד און ווי טוי;
שווימען זיי אָפּ
אַט אַזוי, אַט אַזוי . . .

טו איך אַ פיר
מיטן האַנט איבער זיי;
ציטערט דאָס האַרץ
און ס׳טוט אַזוי וויי.

טו איך מיין האַנט
נאָך אַזאַ פיר,
פלאַטערט אַ טויב,
ציטערט אַ שיר.

קלינגען די טענער,
מיט טויזנטער קלאַנגען;
האַלטן מיין האַרץ
ווי א פויגל געפאַנגען.

פון טויזנטער קלאַנגען,
דורך עכאָ צושאָלט;
בליצט אויף פאַר מיר,
ווי אַ ליכט דיין געשטאַלט.

בלומען פון מיין טרוים

איך וועל זיין די מאַמע,
דו וועסט זיין דאָס קינד,
וועלן מיר זיךביידע
שפּילן מיטן ווינט.

איך וועל זיין די מאַמע,
דו וועסט זיין דאָס קינד,
וועל איך שפּינען טרוימען,
זיי זייען אויפן ווינט.

וועלן זיי אַ פלי־טאָן
ווי פויגל אין דער הויך
און קרייזנדיק אין רינגען
זיך צוגיין ווי רויך.

נאָר איינער פון טרוימען
וועט פאַלן צו דער ערד,
וועט ער ווערן זוימען
פאַר דער מאַמע ערד.

אויף דעם אָרט וועט וואַקסן,
אַזאַ שיינער בוים,
וועלן אויף אים בליען
בלומען פון מיין טרוים.

רייס זשע אויס די בלומען
רייס זיי אויס וואָס מער,
אין דיין האַרץ באַהאַלט זיי
און וואַש זיי מיט דיין טרער.

זאָלסט דעם טרוים נאָר היטן
ווי דאָס אויג אין קאָפּ,
וועט זיין האָניק פליסן
ביז דעם לעצטן טראָפּ.

זון דו זון

זון דו זון,
זון דו זון,
ציל דיין שטראַל
אַנטקעגן מיר.

שטעל זיך אַפּ
און לאַד צו מיר.
שטרעק דיין גאָלדן־
האַרץ צו מיר.

לאַד אַריין
אין מיין געמיט,
וועל איך זינגען
שיין מיין ליד.

כ׳האָב מיט ווינטן

כ׳האָב מיט ווינטן היינט פאַרבראַכט
און ווי דער ווינט האָב איך געלאַכט
ס׳האָט די זון זיך הייס צוגליט
האָב איך זיך צום ליכט געווענדט,
האָט עס מיר אַ סוד פאַרטרויט
האָב איך לופט־שלעסער געבויט . . .
און שפּעט דערנאָך ווען כ׳האָב דערוואַכט
האָט די זון מיך אויסגעלאַכט . . .

מיין האַרץ איז שטאַרק

מיין האַרץ איז שטאַרק,
מיין האַרץ איז יונג,
ווי אַ כוואַליע
אין איר שפּרונג.

און פֿאַל איך אום,
פֿון שווערן שטויס,
איך הויב מיט כּוח
זיך ווידער אויף.

און גיי אין אַקער,
און גיי אין שפּאַן,
און לעש אין זיך
דעם ווילדן פֿלאַם.

דער פֿלאַם פֿאַרגייט,
גייט ווידער אויף,
אַט לעש איך זיך,
אַט וואַך איך אויף.

און שלעפּ דעם אַקער,
און שלעפּ דעם שפּאַן.
ס'איז טויזנט לעבנס
אין מיר פֿאַראַן!

קומט פון ערגעץ אַ טויב

קומט פון ערגעץ אַ טויב,
קרייזט אַרום ביי דיין טיר,
טוט אַ בלענד און אַ בליץ,
טוט אַ שטראַל מיט איר ווייס,
טוט אַ רויש מיט איר זייד.

און זי נויגט זיך צו דיר,
און זי קושט דיינע הענט,
און זי וואַרקעט און גלעט,
און זי מאָנט און זי בעט.

— — — — — — — — —

אַזאַ וואַרימע ליבשאַפט,
אַזאַ לויטער געמיט,
אַ ליכטיקער, גאָלדענער טרוים.

געדרוקט אין ליטעראַרישן חודש זשורנאַל
„מאָנטרעאַל״, יאַנואַר 1935

זיץ איך און ניי

זיץ איך און ניי
טראַכט איך פון דיר,
ווייזט זיך מיר אויס,
אַז דו קלאַפּסט אין מיין טיר.

גיב איך אַ ציטער
און שריי־אויס:
קום־אַריין!
קריכט מיר די נאָדל
אין פינגער אַריין.

כאַפּ איך דעם פינגער
אַריין אין מיין מויל,
ווייזט זיך מיר אויס,
אַז דאָס קוש איך דיין מויל.

זיץ איך און ניי,
טראַכט איך פון דיר,
ווייזט זיך מיר אויס
אַז דו קלאַפּסט אין מיין טיר.

ווי אַ ליכט

כ׳בין ווי אַ ליכט,
אַ ליכט וואָס פאַרגייט,
און קיינער באַדויערט,
און קיינער פאַרשטייט.

אייגן ביזטו מיר,
ווי מיין אייגן בלוט,
און ווער איך געפייניגט,
זאָג איך, ס׳איז גוט.

באַ אַלעמען שטורים,
געצוימט אין אַ גראַם,
און לעבן דיין אָרעם,
אַ שטילער לאַם.

איך וועל מער צו דיר ניט קומען

איך וועל מער צו דיר ניט קומען,
זוך דיר אויס אַן אַנדער קרבן,
דאָס וואָס האָט פאַר דיר געלויכטן
איז סיי ווי אין מיר געשטאָרבן.

איך וועל אַהיים גיין צו מיין שטיבל
און וועל דאָרטן וויינען וויינען,
און דערנאָך וועט מען מיט שטיינען
פון אַ ביכל - לידער לייענען.

איך וועל קומען אין מיין שטיבל
און וועל זיך דאָרטן לייגן שלאָפן,
און וועל רוען, רוען, רוען,
ביז די אייביקייט וועט רופן.

איך וויל זיין דאָס ליכט

איך וויל זיין דאָס ליכט
צו באַלויכטן דיר די וועגן,
רויטער זונען־פאַרגאַנג
אויף די טונקעלע שטעגן.

איך וויל זיין דער טרוים
אין דיין איינזאַמער שעה,
ברייט־שאָטנדיקער בוים
איבער דיין נאַכטיקער רו.

איך וויל זיין דער בליץ
אין דער פינסטער פון נאַכט,
און מיט מיין פאקל־שפּיץ
באַלויכטן דעם פּראַכט.

פון דער צויבער־הייל
וואו דו האָסט מיך געפירט
ווען דורך ליכט פון מיין זעל
כ׳האָב דיין בענקשאַפט דערשפירט.

די ליבע האָט גאָלדענע פליגל

די ליבע האָט שיינע אויגן,
די ליבע האָט ליכטיקע הענט,
זי האָט ווי אַ זוניקער בויגן,
געשפּילט אויף מיין פּנים און הענט.

די ליבע האָט גאָלדענע פליגל,
לייכטע און דינע ווי שפּריי.
זי האָט אין אַ טרוים, ווי אַ זיגל,
פאַרזיגלט מיין האַרץ מיט זיי.

די ליבע האָט לופטיקע פליגל,
און מיר זיינען ערד און ליים,
נאָר דאָס וואָס דער טרוים האָט פאַרזיגלט,
וועט שוועבן, אַ ליכט אין מיין רוים.

איך וואַרט אויף דיר מיין פרייד

I

אַזוי לאַנג שוין אַזוי לאַנג
ווי איך וואַרט אויף דיר מיין פרייד
און עס טוט מיר אַזוי באַנג
נאָך דיין ליכטיק פלאטער־קלייד.

שטיל, און טרויעריק־געצוימט
וואכט אין ציטערניש מיין זעל,
אין מידע אויגן אַזאַ אומעט,
אין מידער אומרו בא דיין שוועל.

און אפט, דאַכט זיך מיר אַט קומסטו־אַז,
כ׳הער דו רינגלסט אַרום מיין טיר,
זאָגסט מיר צו און זאָגסט מיר אָז,
נאָר קומעז, קומסטו ניט צו מיר.

II

גוטע פרייד,
דיין פולע האַנט מיט גאָב איז איבער מיר
איך שטרעק מיינע ציטערדיקע פינגער
נאָך דיין געשאַנק.

דו דרייסט זיך אין אַ קרייז
אַרום מיין מידן גוף
איך הער דאָס שטילע רוישן
פון דיינע וואכע פליגל

שפּרייט פּאַר מיר דיין העל ליכט
וועק, וועק מיין אנגסטיק געמיט
ווי עס וועקט מיין האַרץ,
די ווייסע פרילינג־נאַכט אין דאָרף.

אַ גוטע פרייד,
פליסטער, פליסטער
דיינע האפּערדיקע רייד.

III

אַ, מיין פרייד
איך וואַרף מיין בענקענדיק האַרץ
צו דיין שטויב
צו דיין ליכט
כ׳בין פאַרבלענדט.

עס טוקט זיך אַ וואלקן
אין זײדענעם ראָז,
אין אַ רואיקער שעה —
דו נידערסט צו מיר.

גייסט אויף איבער מיר
אין אַ תפלה׳דיק ליד
פליסטערסט ליכטיקע
האפערדיקע רייד
איך בלי אויף
אין דיין געלייטערטן פלאַם.

געדרוקט אין ליטעראַרישן חודש זשורנאַל
„מאָנטרעאל״, דעצעמבער 1932

II

דער מינען־גרעבער

ווי אַ קראַט גראַבט ער טיף אין דער נידער
צוטרייסלט דעם פעלזיקן גליווער —
צינדט לעבן אין שטיין אינעם קאַלטן,
צעלויכטן זיך שוואַרצע ברילִיאַנטן.

גלי־ווערים שפּריצן מיט ליכט —
צוהאַמערט ליגט שיכט נאָך שיכט
ערד עפנט אויף אירע וואונדן,
שוואַרצן זיך בערג אין די גרונטן.

פאַרנאַכט שטייגט ער אויף צו די הויכן
די זון שפּריצט מיט גאָלד אין איר גלי
זי צורייסט אירע בלוטיקע נעצן
און קושט אים די הענט פאַר זיין מי.

אין ענגען געשפּאַן

דער טאָג שפּאַנט דיך איין
אין דיין ענגן געשפּאַן
אויף דיין רוקן דער יאָד
רייט — אַ „פּאַן", — אַ טיראַן
רייט דער יאָד אויף זיין טראָן.

און די גרויקייט פון וואָד
שלינגט דיך איין אין איר ים
און די נויט גיט אַ שטאָד
בריט דיך אָפּ מיט איר סם
מיט איר בראַנדיקן פלאַם.

שווימט די וועלט — אַ קאַראַהאָד
ווערסטו שיכור פון פּיין
און נעמסט זיך דרייען אין ראָד
אַרום דיין ענגן געשפּאַן
אַרום דיין וויסטן געשפּאַן.

און ווען דער טאָג שפּאַנט דיך אויס
קומט די נאַכט־שוואַרצע מויז
און שטעלט זיך גריזשען
דאָס טוכלע געהילץ פון דיין הויז,
דאָס טוכלע געהילץ פון דיין הויז.

דאָס ליד פון דעם באַלאַבאָס מיטן הינט, און זיין קליינינקן הינטעלע

כ׳בין אַ הונט, אַ הונט,
אַ הונט אויף אַ קייט,
אַ הונט אויף אַ קייט,
אַ הונט אויף אַ קייט,

און וואַרפט מען אַ ביין
גיב איך אַזאַ שפּרונג,
אַ קנאַק מיט דער צונג,
אַ שטשיר מיט די ציין,
נאָך דעם ביין, נאָך דעם ביין.

און כ׳דריי מיט׳ן עק,
און איך לעק,
און איך שמעק,
די געצערטלטע הענט
פון מיין באַלעבאָס,
מיט דער פּריצישער נאָז,
מיט דעם זיידענעם העמד,
מיטן שרינטל פּאַרקעמט.

נאָר מיין האַר בלייבט שטיין,
האַלט אין האַנט דעם ביין,
הויבט אים אויף אין דער הויך,
טוט אַ בריק מיט׳ן שוך,
טוט אַ זעץ מיר אין בויך,
גלייך מיר אין בויך.

און דער נאָך גייט ער צו,
צו דער טיר, צו דער טיר,
ווי אַ וואַזשנער גביר,
און ער מאַכט זי דאַרט אויף,
און ער טרייבט מיך אין הויף,
און ער טרייבט מיך אין הויף.

און אַליין בלייבט ער שטיין,
פון דער ווייט, פון דער ווייט,
ווי אַ פּריץ, אַ לייט,

ביי דער טיר, ביי דער טיר.
און ער רייצט זיך מיט מיר,
און ער רייצט זיך מיט מיר,
און ער רייצט זיך מיט מיר.

אויף דער שוועל קומט אַרויס,
אַזוי גרויס ווי אַ מויז,
אַ הינטל פון הויז,
אַ הינטל פון שויס.

איז דאָס הינטעלע זיס,
און מיט ליכטיקע פיס
איז עס שיין ווי אַ טרוים
האָר:— געקרייזלטער שוים.

איז דאָס הינטעלע שיין,
און עס דרייט זיך מיט חן,
פול מיט פּריצישן חן,
אין די אויגעלאַך גלאַנץ,
ווי צום טאַנץ, ווי צום טאַנץ.

און מיין באַלאַבאַס,
מיט דער פּריצישער נאַז,
מיט דעם זיידענעם העמד,
מיטן שרינטל פאַרקעמט,
בויגט זיך איין צו דער שוועל,
נעמט דאָס הינטעלע־מויז,
אין זיין שויס, אין זיין שויס,
האַלט דאָס הינטעלע־קוועל,
גלעט זיין זיידענע פעל.

און דאָס הינטעלע־קוועל,
מיט דער זיידענער פעל,
טוט אַ דריי מיטן קעפּל מיט חן,
טוט אַ לאַך מיט די ליכטיקע ציין
גיט אַ שמעק, גיט אַ לעק,

צו דעם בייז׳ס באַלאַבאַס,
טוט אַ דריי מיט דער נאַז:
און עס גלייכט ניט דעם בייז,
און עס וויל ניט דעם בייז,
און עס וויל ניט דעם בייז.

און מיין באַלאַבאַס,
מיט דער פּריצישער נאַז,
מיט׳ן זיידענעם העמד,
מיט׳ן שריינטל פּאַרקעמט,
גלעט מיט איידעלער האַנט,
ווי מ׳גלעט זיידן־געוואַנט,
און טראָגט דאָס הינטעלע זיס,
מיט די ליכטיקע פּיס,
טראָגט אַריין אין זיין הויז,
נעמט צו זיך אויפ׳ן שויס.

און ער גלעט עס און קושט עס
און צוואָגט עס און קעמט,
און טוט אים אָן, אויף זיין זיידענעם פּעלכעל
אַ בלוי־זיידן העמד.

און ער שטעלט עס אַוועק,
ווי אַ ליאַלקעלע שיין,
פול מיט פּריצישן חן,
אויף געבלומטן טעפּיך,
טוט עס אָן אויף די פיסעלאַך
גאָלדענע שיך, גאָלדענע שיך.

און ער קעכלט זי,
פּערלט זי,
בלאָזט איר די טריט,
און ער ווערט גאָר ניט מיד,
זי צו קיצלען מיט חן,
פול מיט פּריצישן חן,

און ער וואַשט עס, און צוואָגט עס,
און קושט עס און גלעט.
און ער לייגט עס אַריין
אין אַ ליכטיקן בעט.
דערלאַנגט עס צוקערקעס,
אויף גאָלד־באַזוימטן געשיר,
אויף דיך־פּאָרצעלייען געשיר.
און ער שמייכלט צו איר,
און ער שפּילט זיך מיט איר,
און ער שפּילט זיך מיט איר,
און ער שפּילט זיך מיט איר.

און איך בין: — אַ הונט,
אַ הונט,
אַ הונט אויף דער קייט,
אַ הונט אויף דער קייט,
אַ הונט אויף דער קייט.
און די וויסטע קאַנורע
— ז׳מיין שטוב,
ביזן גרוב, ביזן גרוב,
ביזן גרוב.

אַז מיין באַלאַבאָס,
מיט דער פּריצישער נאָז,
וועט אַרויס פון׳ם הויז,
וועל איך געבן אַ שפּרונג,
און מיט גאַליקער צונג,
מיט צועפנטן מויל,
פול מיט פינסטערן גרויל,
און מיט סמ׳יקע ציין,
אָן שום פּריצישן חן,
כ׳וועל אַ ריס־טאָן די קייט,
און מיט הינטישער פרייד,
אים דערלאַנגען אַ ביס,
אין דער פּריצישער ליטקע,
אַ ביס . . .

ק י ן

אויגן — צוויי שלאַנגען
שפּריצן מיט גיפט,
שטרעקן די קעפּ
פון זייער חהומיקער טיף.

און שיפּן און שעלטן,
טריפן מיט גאַל —
אַ בלוטיק געוואַי,
אַ געוויין פון שאַקאַל.

אַ קללה׳דיק שאַלן
צום פינסטערן רוים —
אויף ברענענדע ליפּן
דער קאַכיקער שוים.

מיט שמייכל צוקרימטן, —
געפרוירענער שניי —
אויף פיענדיק מויל
אַ פאַרגליווערט געשריי.

געדרוקט אין ליטעראַרישן חודש זשורנאַל
„מאָנטרעאל״, מערץ 1933

דער הייליקער פּאַסטוך

דיין האַרץ — אַ קרישטאַלענער שפּיגל,
און אָדלער — מיט שטורמיקע פליגל,
איך וועל דיך באַשווערן, באַשווערן,
דיין האַרץ זאָל געשטרויכלט ניט ווערן.

דיינע אויגען צוויי צוצונדענע פאַקלען
פאַר די וואָס בלאָנדזשען און וואַקלען
איך מוז זיי באַשווערן, באַשווערן
זיי זאָלן געשטרויכלט ניט ווערן.

דיינע הענט צוויי צופלאַטערטע פאָנען,
נאָר זיי מאָנען און מאָנען און מאָנען.
איך מוז זיי באַשווערן, באַשווערן,
זיי זאָלן געשטרויכלט ניט ווערן.

דיין קול — אַ צושאָלטער האָרן.
דיינע רייד — גליאיקער דאָרן,
איך וועל דיך באַשווערן, באַשווערן,
דיין וואָרט זאָל געשטרויכלט ניט ווערן.

אַזוי וועט אונזער ליד צושאַלן

מיר וועלן זיך צופלייצן ברידער
מיט הייסע פלאַטערדיקע גלידער,
זיך צוזינגען העל און העלער
ווי אַ טאָג, אַ זוניק־העלער.

— — — — — — — — — —

ווי אַ פעלד פאַרפלייצט מיט קאָרן,
אַנטקעגן הייסן גאָלד פון זונען
ווי ס׳קלינגט דער העלער רוף פון האָרן,
אַנטקעגן רויט פון פלאַטער־פאַנען.

— — — — — — — — — —

ווי דער פלאַטער פון די זאַנגען
ווען ערד, אַ שיכורע פון שטראַלן,
פאַרטרינקט אין זאַפט די רייפע זאַנגען,
אַזוי וועט אונזער ליד צושאַלן.

אַ בליציקער פלאַם

אַ בליציקער פלאַם!
צינדסט מיט פייער די ערד.
שטורימען וואַלקנס אין רוישיקע פלאַמען,
איבער דורשטיקער, טרוקענער ערד.
יאָגט אַן אַ רעגן אַף פלאַמיקן פערד,
ציט זיך מיט זילבערנעם צוים צו דער ערד;
לעשט אירע גליענדיקע וואונדן — און שווערט
צו פאַריאָגן דעם אומרו און פיין פון דער ערד...

פלאַטערט אַ זילבערנער רעגן
איבער פייער און בליציקער שווערד,
קוואַלט־אויף מיט זאַפטיקער בליאונג,
די יונגע, פאַרשיקערטע ערד..
גליט־אויף אַ גאָלד־רויטער בויגן
איבער ווייכקייט פון גראָז,
איבער ציטעריקער בענקשאַפט פון בוים,
שפינט ער אויף גאָלדענע סטרונעס
אַ ליכטיקן טרוים...
גייט ער אויף מיט געזאַנג,
טורימט הויך איבער אַלעמענס קעפּ
און מיר שטייגן מיט יובל און פרייד
אַרויף — צו די גאָלדענע טרעפּ.

סעפּטעמבער, 1935.

בליצן

וועקט זיך אויף דער בייזער ווינט,
שרעקט דאָס האַרץ פון קראַנקן קינד.

ווייגען בוימער אין געשריי,
ציטערט־אויף אַ בלאַט אין וויי.

(און דער וואָלף קריצט די ציין
און די שאָף אין שטום געוויין.)

ווי אויף פּלייטן פייפט דער ווינט,
אומרו וואַיעט אינגם קינד.

טייכן פליצן ברעג אַריבער,
ווילן שלינגען שטעט און שטיבער.

(און ערגעץ קלאַגט אין זיין געצעלט
אַ מענטש פון שווערער מי אין פעלד)

לאָזן וואָלקנס זיך אַראָפּ
ווי אַ שוואַרצע, בייזע שטראָף.

ווערט דער הימל — שוואַרצער ים,
וואָלקן־כוואַליעס שפּייען שוים.

שפּאַלטן הימל ווי מיט שווערד,
פון פּחד ציטערט אַזש די ערד . . .

— — — — — — — — — — — —

בליצן!! בליצן!!
רויט די וועלט! . . .
ווילן אָנצינדן אַ וועלט.
ווילן אויסלייזן די וועלט . . .

— — — — — — — — — — — —

לעצטער בליץ פון רויטן שיין,
לעצטער פונק פון בלינדן פּיין
און דער שטורים הויכט זיין פּיין.

געדרוקט אין ליטעראַרישן חודש זשורנאַל
„מאָנטרעאַל", מערץ 1934

י ם

עס ציטערט דער ים
אין זיין שטורמיקן גאַנג,
און זידט אין זיין שוים
מיט ברויזיקן געזאַנג.

און רעוועט פאַרבענקט —
און וואַרנט און שרייט.
און שטרעקט זיינע הענט
צו דער ליכטיקער ווייט.

ער הויקערט זיך איין
און קנאַלט מיט זיין עק.
און שטויסט מיט זיין מעכטיקן
רוקן, דעם ברעג.

עס שוידערט דער ים,
און רייסט זיך פאַרויס.
און ברומט אין זיין שוים,
מיט ווילדן געברויז.

III

באַמערקונג

אויסער דער ערשטער ליד פון דעם ציקל „מיט צובראָכענע פליגל" וואָס איז געשריבן געוואָרן אין 1940, גייען דאָ אַריין קורצע פראַגמענטן און איינציקע פערזן פון לידער, וועלכע די דיכטערין האָט געשריבן אין די לעצטע טעג פאַר איר טויט. ווי אויך איר לעצטע ליד, „דער פייערדיקער בויגן".

מיט צובראָכענע פליגל

צו וואָס זוך איך דעם יום־טוב
כ׳זוך זיין שאָטן אין שפּיגל, —
ער איז אַן אָדלער אַ קראַנקער
מיט צובראָכענע פליגל.

און די האָפנונג טומולט
אַרום אַ צאַנקענדיקן פייער,
און עס קייכט דאָרט די נויט
אין איר ליידיקן שייער.

און דער טרוים, אַך דער טרוים,
אויך זיין פלאַם איז פאַרלאָשן,
— אַן אַלטער אויף קוליעס,
וואָס בעטלט אַ גראָשן.

געקרייציקט אין שטורים
פון פּיין — געבויגן,
און ס׳יאָמערט דער צער
אין צופיבערטע אויגן.

צו וואָס זוך איך דעם יום־טוב ?
כ׳זוך זיין שאָטן אין שפּיגל, —
ער איז אַן אָדלער אַ קראַנקער
מיט צובראָכענע פליגל.

און וואו איז ערגעץ דער ווילן ?
ר׳איז אין קייטן געבונדן,
— אַ באַרג־ריז געשמידט
צו אַ פעלזיקן באָדן.

און די האָפענונג איז מיד,
און זי וויל מער ניט וואכן:
ווי אַ מענטש אין זיין עלטער
וואָס קען שוין ניט לאַכן.

צו וואָס זוך איך דעם יום־טוב ?
ער איז לאַנג שוין פאַרשוואונדן
אין אַ פינצטערער הייל,
אויף אַ נאַקעטן באָדן, —
אויף אַ שטיין, אויף אַ שטיין
גייט ער אויס דאָרט אין וואונדן.

(מיינע ליכטיקע טרוימען
כ׳קען זיי מער ניט דערקענען
ווי ליכטלאָך וואָס שמעלצן
און ווילן ניט ברענען.)

צו וואָס זוך איך דעם יום־טוב ?
כ׳זוך זיין שאָטן אין שפּיגל, —
כ׳זע אַן אָדלער אַ קראַנקן
מיט צוואונדיקטע פליגל.

קיין בלום, קיין גרעזעלע

קיין בלום, קיין גרעזעלע
אויף מיין אויסגעטריקנט פעלד.

כ׳האָב קיינעם ניט ליב,
און וויל קיינעם ניט זען.

איך וויל זיך אָפּזונדערן אַליין,
ווי אויף אַ פעלד אַן עלנטער שטיין.

ווי רויטע בלעטער

איך בלייב שטיין,
אַ געבויגענער בוים;
מיד פון שטורים,
אַ צושטערטער טרוים.

ווי רויטע בלעטער,
אין שטאַרבנדיקן פאַרגיין;
וויינען מיד מיינע פינגער,
מיט בלוטיקן געוויין.

עלנט בין איך

עלנט בין איך אַ גאָט,
און איך רוף צו דיר —
באַשיץ דיין אומבאַהאָלפֿן קינד.

אין מיינע פֿינסטערע הענט,
פֿאַרבענקט נאָך טויט,
וואַכן מיינע זינד.

פֿון טיפֿן שטויב —
שרייט מיין האַרץ צו דיר אַרויף;
שטעל אָפּ דאָס בלינדע בלוט אין מיר,
וואָס מאָנט זיין זינדיק חוב.

פאַרלעש דאָס ליכט

פאַרלעש דאָס ליכט;
דאָס קאַלטע ליכט,

איך קען דעם פאַלשן שיין
ניט אָנקוקן פאַר די אויגן.

זאָל גרוי און אומעטיק,
זיין אַלץ אַרום.

זאָל אין פינסטערניש דער אמת שטיין —
אַ נאַקעטער פאַר מיינע אויגן.

טויט, פֿאַרוויג מיך,

טויט פֿאַרוויג מיך אין דיינע אָרעמס,
פֿאַרלעש אין מיר דעם ווילדן שטורעם.
באַפֿריי מיך פֿון דערנידערונג און פּיין,
נעם, לעש אויס מיין זיין!

און ווידער

שוין אויסגעלאָשן זיך מיין טרוים.
און ווידער ווייַנען מייַנע האַרפן.
און ווידער וועקט אין מיר דער באַגער,
זיך אַוועקלייגן און שטאַרבן.

טרערן - טייך

מיט מידן גלאַנץ
אין טריבע אויגן,
שפּיגלט זיך מיין זילבער־קוואַל —
אויף די שויבן.

עס רופט דיך די ערד

עס רופט דיך די ערד,
די ערד, דיין מאַמע;
דריק זיך צו צו איר שויס,
שליס זיך איין אין אירע אָרעמס
פאַרזיגלט, און אויס.

שאָטנס שפּילן אויף די ווענט

איך בין מיד, מיד און שטיל,
נאָר עס פּירט דער שלאָף מיט מיר אַ ברוגז היינט,
און גלעט ניט מיט זיינע זיידענע פליגל מיינע ברעמען,
און וויגט מיך ניט צו רגע׳ס ליכטיקע פון רו.
איך בין מיד, מיד און שטיל,
שאָטנס שפּילן אויף די ווענט,
שווימען אַפּ, טויכן ווידער אויף,
און שטרעקן, ווי צום ראַטעווען — די הענט.

אַ געבעט

נאַכט !
שלינג מיך איין !
צושטער מיך !

נעם מיך מיט מיט זיך
ערגעץ אין דיין ווייטער וועלט,
ווען בלויער מאָרגן
טרייבט דיך מיט זיין ליכט.

ליבע נאַכט !
העלף מיר אין מיין פּיין !

טו מיר עפּעס !
טו מיר אַזוינס,
כ׳זאָל אויפהערן —

ניט דאַרפן טראָגן —
מיין פאַרוואָגלט לעבן.

דער פייערדיקער בויגן

שפּיזלדיקע פלאַמען צינדן מיינע לענד
פייערדיקע שאָטנס גלעטן מיינע הענט —
לאַנגע שוואַרצע שאָטנס טאַנצן אויף די ווענט.

באַד איך זיך אין צינדנדיקע פלאַמען —
כ׳הער פון ווייט די שטימע פון מיין מאַמען —
טאַנצנדיקע שאָטנס שלינגען פלאַמען.

גליענדיקע פונקען שפּרינגען פאַר די אויגן,
אין דער לופט פון שטוב הענגט אַ רעגנבויגן —
טויט פאַרציט אַ פייערדיקן בויגן . . .

איך בין אַ גאַנצע נאַכט שוין ניט געשלאָפן —
ווער האָט דאָס מיך היינט באַנאַכט גערופן ?

(דאָס איז דער דיכטערינס לעצטע ליד).

חנה שטיינבערג

חנה שטיינבערג איז געבוירן אין דער רוסיש - אוקראַיִנישער שטאָט קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק, אין חודש יוני 1896.

דערצויגן בײַ אירע עלטערן דוד־לייב און פרומע שטיינבערג. געלערנט אין דער קאַמעניצער אידיש־רוסישער גימנאַזיע. זי איז געווען דאָס עלטסטע קינד אין אַ הויז פון אַכט קינדער, זעקס שוועסטער און צוויי ברידער. אין 1914 איז זי אײַנאײנעם מיט איר משפּחה אָנגעקומען קיין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, וואו זי האָט געאַרבעט אין אַ שאַפּ. אין 1916 חתונה געהאַט פאַר איר מאַן יעקב שטיינבערג, פון דער אייגענער משפּחה. דעם 4־טן פעברואַר 1942 איז זי געשטאָרבן. איבערלאָזנדיק די עלטערן, שוועסטער און ברידער, איר מאַן און אירע דריי זין, שלמה, דניאל און יוסף.

די 46 יאָר פון חנה שטיינבערג׳ס קורצן לעבן זײַנען געווען איבער־געלאָדן מיט שווערן יאָך און אינערליכן געראַנגל. זייער שווער האָט זי געצאָלט דעם חוב צום לעבן, ווײַלע נאָך שווערער איז איר געווען מיט איר טיף ערלי־כער און קאָמפּליצירטער נאַטור ערגעץ וואו שולדיק צו בלײַבן. פון איר קינדהייט אָן האָט זי זיך אַרומגעטראָגן מיטן חלום פון זעלבסט אויסדרוק. זי האָט גע׳חלומ׳ט פון וועלן זײַן אַ זינגערן, אַ שוישפּילערן, אָבער אונטער די אומשטאַנדן אונטער וועלכע זי האָט זיך געפונען שטענדיק צוגעשמידט און אײַנגעשמידט אין לאַסט פון איר שווערן לעבן, איז איר נאָר איין זאַך גע־בליבן מעגליך: ריידן צו זיך אַליין דאָס וואָס מען קען פאַר אַ צווייטן ניט אַרויסזאָגן, פאַרשרײַבן עס אויף שטיקלאַך פּאַפּיר אין אָפּגעשפּאַרטע רגע׳ס ווען קיינער זעט ניט, און אַז דעם האָט זי זיך אָנגעקלאַמערט מיטן גאַנצן פייער פון אירע אַלע ניט באַפרידיקטע וואַרהייטן און אילוזיעס. אין 1924 הויבט זי אָן שרײַבן לידער, און די לידער זײַנען אַזוי צושראָקן און פאַרצי־טערט ווי זי אַליין איז פאַרן געדאַנק, אַז דאָס איז טאַקע אירס, אַז זי האָט עס אַליין אויסגעטראַכט און אַליין אָנגעשריבן אין ווערטער אויסגעפורעמט דאָס אויסגעבײַנקטע פון אַ חלום.

מיט וואָס פאַר אַ פרומקייט זי פלעגט עס קומען לייענען אַ ליד, אונ־טער פאַרשלאָסענע טירן, פאַר אַ האַלב טונקעלער ליכט, קוקנדיק ווי איבער זיך ערגעץ אין אַ ווייט אַרײַן, פלעגט זי מיט אַ שטיל ציטעריקן קול לייענען:

מיינע פינגער — דינע פידלען,
אייביק דרימלען אין זיי קלאַנגען,
ווי אין שטייג אַ יונגער פויגל
ליגן זיי אין מיר געפאַנגען.

אָדער אירע פרומע עראָטישע ליבעס לידער, וועלכע זײַנען געווען פול מיט ניט דורכגעלעבטע צוריקגעהאַלטענע בענקשאַפטן:

און איך צי זיך צו דיר,
און איך ריגל מיין טיר,
און איך קום ניט צו דיר,
און איך קום ניט צו דיר.

און איך קוועל און איך צאַנק,
און איך ווייס נאָר איין געדאַנק,
אַז ס'דאַרף אַנדערש גאָר זײַן,
אַז ס'דאַרף אַנדערש גאָר זײַן.

און איך לעש זיך אין פּיין,
און איך לעש זיך אין פּיין.

זי איז געווען אַן איבערגעגעבענע פרוי צו איר מאַן, און אין געדריקטע צייטן ניט אָפּגעשטאַנען פון צו העלפן מיט דער שווערער פּרנסה אין שטוב און זאָרגן פאַר די קינדער מיט אַ בעסערער דערציאונג און לערנען.

דאָס האָט געפירט צו דעם, אַז זי זאָל קיין צייט ניט האָבן פאַר זיך און פאַר איר שאַפן. זייענדיק זייער עמפּפינדליך און מורא האָבנדיק צו שיקן אירע לידער אין רעדאַקציעס האָט זי זיך אין ערגעץ ניט געדרוקט, אויסער דאָ אין שטאָט פאַרעפנטליכט אירע ערשטע צוויי לידער אין דער היגער טאָג־צייטונג ,,קענעדער אַדלער'' אין 1928 און נאָכדעם אין די זשורנאַלן ,,מאָנט־רעאַל'', ,,העפטן'' און ,,קאַנאַדער העפטן''. אירע עטליכע אָפּגעדרוקטע לי־דער האָבן אויף זיך געצויגן אויפמערקזאַמקייט טאָקע צוליב זייער ,,אַנדערש־קייט''. מען האָט זיך אויף זיי אָפּגערופן און ציטירט אין אַנדערע שריפטן און צייטונגען.

אין די היפּשע עטליכע יאָר פון איר שאַפן האָט זי קיין סך לידער ניט אָנגעשריבן, זי האָט אָבער דורכגעמאַכט אַ סך גלגולים. די צייט און די אומ־שטאַנדן אונטער וועלכע זי האָט געלעבט, ווי אויך איר אומרויקע נאַטור, האָבן זי געשטויסן אין פאַרשידענע שטראָמען און ריכטונגען. זי האָט זיך געפונען ווי אַ פאַרלוירענע אין אַ טיפן וואַלד און זיך ניט געקענט קיין עצה געבן וואוהין צו גיין. אירע ערשטע צאַרטע לידער און אפילו אירע עראָטישע ליבעס לידער האָבן זי אויך לאַנג ניט באַפרידיקט. געהערנדיק מיטן האַרצן צו די וואָס זײַנען באַ'עולה'ט און באַליידיקט ווי אויך מיטן אויפקום פון אַ נייער צייט הויבט זי אָן צו שרייבן לידער פון ,,נייעם אויפגאַנג'', פון בליצן וואָס צינדן רויט די ערד, פון קאַמף און העלדישקייט. אָבער צו ווייט זײַנען פאַר איר אויער געווען יענע קלאַנגען. זי האָט געמוזט ווי יעדער ערליכער מענטש אויף זיך אַליין דורכלעבן און דורכווייטאָקן אָט די טיפע באַליידיקונגען און אַנטוי־שונגען אום צו קענען אָנשרייבן אַזעלכע לידער ווי ,,דער באַלעבאָס מיט זײַן הונט'', ,,וואָס זוך איך דעם יום־טובֿ?'', ,,אין ענגן געשפּאַן'' און אַנדערע. צו פרי אָבער האָט זי דערזען דעם ,,פייערדיקן בויגן'', ווי זי זאָגט אין איר לעצטער ליד:

גליענדיקע פונקען שפּרינגען פאַר די אויגן,
אין דער לופט פון שטוב הענגט אַ רעגנבויגן,
טויט פאַרציט אַ פייערדיקן בויגן.

צווישן די שטיקער און שטיקלאַך פּאַפּיר אויף וועלכע זי האָט געשריבן אירע לידער האָב איך אָנגעציילט צו אַכט זייטלאַך אויף וועלכע איין שורה איז געווען געשריבן און איבערגעשריבן. צוליב דער וואַריאַציע פון איין וואָרט, צענדליקער מאָל איבערגעשריבן אַ זאַץ. זאַצן ניט פאַרענדיקטע, בליצן פון געדאַנקען ניט דערזאָגטע. עס פילט זיך ווי זי האָט מיט אַלע אירע כוחות געזוכט דאָס אַנדערשקייט, דאָס אָריגינעלע.

נאָך דעם אָנגעוואָרפענעם וואָס געפינט זיך צווישן אירע ניט פאַר־ענדיקטע שריפטן, ווי אויך נאָך דעם וואָס עס פעלט דאָרט אינגאַנצן. ווי למשל, דער קינדער מאָטיוו, וועלכער האָט געדאַרפט פאַרנעמען אַן אָרט אין איר ליד לויט איר איבערגעגעבענער מוטער נאַטור, זעט מען ווי אומגעריכט איר לעבן איז איבערגעשניטן געוואָרן. צו פּלוצלינג האָט זי געדאַרפט איבערהיפּן פון איין עטאַפּ צום צווייטן. פון:

איך שלעפּ דעם אַקער,
איך שלעפּ דעם שפּאַן,
ס'איז טויזנט לעבנס
אין מיר פאַראַן.

ביז צו אַזאַ ווײ־געשריי, ווי . . . —

נאַכט, שלינג מיך איין !
צושטער מיך !
טו מיר אַזוינס כ'זאָל אויפהערן,
ניט דאַרפן טראָגן מיין פאַרוואָגלט לעבן.

און ווער ווייס וואָס אַ מענטש דאַרף פילן אום צו קענען אַרויסברענגען די ווערטער:

אין מיינע פינסטערע הענט,
פאַרבענקט נאָך טויט,
וואַכן מיינע זינד.

זי איז עטליכע יאָר פאַר איר טויט קראַנק געווען. צום בעט איז זי אָבער ניט געלעגן. און איר טויט איז געקומען אומגעריכט און אומצייטיק, מער ווי אַלץ זאָגן אויף דעם עדות די אָנגעשריבענע און נאָכמער די ניט דער־שריבענע לידער אירע.

דאָס צוזאַמענגענומענע וואָס געפינט זיך אין דעם בוך איז נאָר אַן אָנווייז אויף דעם וואָס זי האָט זיך געקליבן צו טאָן. און זאָל דאָס בלייבן אַלץ זכר פון דער יונג פאַרשטאָרבענער פיל געליטענער דיכטערין חנה שטיינבערג.

א י י ד ע מ א ז ע .

מאָנטרעאל, 22-8-44

אינהאַלט:

I

ווי בוים — 8

מיינע לידער — 9

ווייל מיין האַרץ איז קראַנק — 11

קלאַנגען — 12

דו ציסט זיך צו מיר — 13

ווי ים אין זיין רוישיקן גאַנג — 14

ווי אַ רעגנבויגן — 15

כ'בין ווי אַ בוים — 16

געטריי — 17

ווי די קינדערלאַך אין גאַס — 18

קומסטו מיר פאָר — 19

שטילער — 20

איך און דו — 21

איך בלי ווי אַ בלום — 22

און איך בין אַ כוואַליע — 23

טענער — 24

בלומען פון מיין טרוים — 25

זון דו זון — 26

כ'האָב מיט ווינטן — 27

מיין האַרץ איז שטאַרק — 28

קומט פון ערגעץ אַ טויב — 29

זיץ איך און נײ — 30

ווי אַ ליכט — 31

איך וועל מער צו דיר ניט קומען — 32

איך וויל זיין דאָס ליכט — 33

די ליבע האָט גאָלדענע פליגל — 34

איך וואַרט אויף דיר מיין פרייד — 35

II

דער מינען גרעבער — — — — — — — — — — — 41
אין ענגן געשפּאַן — — — — — — — — — — — 42
דאָס ליד פון דעם באַלאַבאָס מיטן הינט,
און זיין קליינינקן הינטעלע — — — — — — 43
קין — — — — — — — — — — — — — — 47
דער הייליקער פּאַסטוך — — — — — — — — 48
אזוי וועט אונזער ליד צושאַלן — — — — — 49
אַ בליציקער פלאַם — — — — — — — — — — 50
בליצן — — — — — — — — — — — — — 51
ים — — — — — — — — — — — — — — 52

III

באַמערקונג — — — — — — — — — — — — 54
מיט צובראָכענע פליגל — — — — — — — — 55
קיין בלום, קיין גרעזעלע — — — — — — — 57
ווי רויטע בלעטער — — — — — — — — — 58
עלנט בין איך — — — — — — — — — — — 59
פאַרלעש דאָס ליכט — — — — — — — — — 60
טויט, פאַרוויג מיך — — — — — — — — — 61
און ווידער — — — — — — — — — — — — 62
טרערן־טייך — — — — — — — — — — — 63
עס רופט דיך די ערד — — — — — — — — 64
שאָטנס שפּילן אויף די ווענט — — — — — 65
אַ געבעט — — — — — — — — — — — — — 66
דער פייערדיקער בויגן — — — — — — — 67

חנה שטיינבערג — — — — — — — — — — 71